Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem
NAJER FOLKSBLAT פרייז 30 גראָשן (ציהונג פון דער מלוכה־לאָטעריע—זעה זייט 21) הײַנט 26 זייטען

# נייער פאָלקסבלאַט

№ 88 | Łódź, Piątek, 12 kwietnia 1935 r. | דרייצענטער יאָהרגאַנג | לאָדז, פרייטאָג, ט׳ ניסן תרצ״ה | № 88
Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: לאָדז, פּעטריקאָווער 21, טעל. 71־224

# די זיצונג פון שטאָט־ראַט איז נעכטען נישט פאָרגעקומען

## צוליב דער שטעלונג פון די ענדעקעס צו די געשעהענישן און געשלעגען אויף דער זיצונג פון 2 אפּריל

## קאָמיסאַר וואָיעוואָדזקי האָט נישט געוואָלט עפענען די זיצונג

די נעכטיגע זיצונג פון שטאָט־ראַט איז נישט פאָרגעקומען צוליב דעם, וואָס ס׳איז נישט געקומען צו קיין ליקווידאַציע פון די געשעהענישן, וועלכע האָבען זיך אָפּגעשפּילט אין שטאָט־ראַט דעם 2־טען אַפּריל.

ווי בעקאַנט האָט דער רעגירונגס־קאָמיסאַר נישט דערלאָזט אָפּצוגעבען קיין ערקלערונגען וועגען דעם געשלעג, צוזאָגענדיג, אַז דער ענין וועט הײַנטיגע וואָך ליקווידירט ווערען. צו דעם צוועק האָט קאָמיסאַר וואָיעוואָדזקי צונויפגערופען אַ זיצונג פון די פראַקציע־פּרעזעסען, וואו דער ענין איז גענוי בעהאַנדעלט געוואָרען. דער קאָמיסאַר וואָיעוואָדזקי האָט פערלאַנגט, אַז קאַפּטשינסקי, וועלכער האָט געוואָרפען דאָס גלאָז, זאָל

### איבערבעטען דעם שטאָט־ראַט

אַ חוץ דעם זאָל דער ענדעקישער קלוב איבער־בעטען די יודען צוליב דעם אויסדרוק, אַז „די יודישע נאַציע איז די נידערטרעכטיגסטע אין דער גאַנצער וועלט“. אויך האָט ראַטמאַן יאָעל געדאַרפט אָפּגעבען אַ ן׳ערקלערונג אין צוזאַמענהאַנג מיט זיין בלומרשטען בעליידיגען קאַפּטשינסקי׳ן.

דער פּרעזעס פון דער ענדעקישער פראַקציע פּאָדגורסקי האָט אויף דער זיצונג ערקלערט, אַז ער מוז זיך וועגען דעם בעראַטען מיט זיין פראַקציע, דעריבער איז די זיצונג אָפּגעלעגט געוואָרען ביז נעכטען 2 אַ זייגער בייטאָג.

דערווייל האָבען זיך נאָך דער דערמאָנטער זי־צונג פון די פראַקציעס־פּרעזעסען בעוויזען בעריכ־טען אין דער פּוילישער פּרעסע (דער „נייער פּאָלקס־בלאַט“ האָט דעם בעריכט פון דער זיצונג צוליב טאַקטישע טעמים נישט איבערגעגעבען).

אויף דער נעכטיגער זיצונג פון די פּרעזעסען, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבען 2 אַ זייגער, האָט דער ערשטער גענומען אַ וואָרט דער פּרעזעס פון דער ענדעקישער פראַקציע ראַטמ. פּאָדגורסקי, וועלכער האָט ערקלערט, אַז היות אין די פּוילישע צייטונגען האָט זיך בעוויזען אַ בעריכט פון דער זיצונג און אין דעם בעריכט האָט זיך געפונען אַלץ, וואָס ער האָט געוואָלט אַדורכפיהרען אויף דער זיצונג פון דער ענדעקישער פראַקציע האָט דאָס בעשוועדט זיין אַקציע און דעריבער

### קען ער נישט רעדען וועגען קיין שום ענינים, וועלכע האָבען אַ שייכות צו די געשעהענישען פון 2 אַפּריל

און האַלט, אַז די פּלענאַר־זיצונג פון שטאָט־ראַט דאַרף זיך פערנעמען בלויז מיט דער דריטער לעזונג פון בודזשעט.

דערויף האָט גענומען אַ וואָרט ראַטמאַן מינצ־בערג, וועלכער האָט ערקלערט, אַז די פעראייניגונג פון די יודישע פראַקציעס האָט אַנטייל גענומען אין די זיצונגען פון שטאָט־ראַט נאָך דעם געשלעג פון 2 אַפּריל נאָר דערפאַר, ווייל דער רעגירונגס־קאָמי־סאַר האָט פערזיכערט, אַז די יודען וועלען בעקו־מען אַ סאַטיספאַקציע און אויך דער שטאָט־ראַט וועט בעקומען אַ סאַטיספאַקציע. דערווייל האָבען די פּרעזעסען־קאָנפערענצען נאָך מעהר פערשאַרפט די בעציהונגען. צוליב דעם זעהען די יודישע פראַק־ציע נישט איין קיין מעגליכקייט צו פיהרען די פּלע־נאַר־זיצונג פון שטאָט־ראַט. וואו ענליכע געשעהעני־שען קענען זיך ווייטער איבערהזר׳ן.

אויך ראַטמאַן ביאַלער פון דער ציוניסטישער פראַקציע האָט אָנגענומען אַ ענליכע שטעלונג. די פאָרשטעהער פון „בעבע“ און סאָציאַליסטען האָבען אויך געהאַלטען, אַז קודם כל דאַרף ליקווידירט

(ווייטער זעה 23־טע זייט)

כשר לפסח
גוטער און געשמאַקער טעע
איז נור פון דער וועלט־בעריהמטער פירמע
ו. וויסאָצקי און קאָמפּ.
פריהער מאָסקווע
איצט לאָנדאָן
הנוסדה ע״י קלונמוס זאב וויסאָצקי ז״ל בשנת 1849
וועלכע איז אָנערקענט אַלס די בעסטע אויף דער וועלט
ספּעציעלען ערפאָלג האָבען די סאָרטען:
№ 75 און № 74
אין אָריגינעלע פערפלאָמבירטע בלעך־שאַכטלען ווי אויך די ספּעציעלע 1/4 קילאָווע פּעקלעך מיט פּרעמיעס
אין אָריגינעלע פּעקלעך באַנדראָלירט
צו בעקומען איבעראַל!
צו בעקומען איבעראַל!
בהכשר הועד הרבנים בוואַרשא.
כשר לפסח

כשר לפסח

ANGLAS
דעם בעסטען געשמאַק גיבענדע
שאָקאָלאַד און קאַקאַאָ
כשר לפסח
בהכשר הועד הרבנים בוואַרשא.
כשר לפסח
Skład Konsygnacyjny:
SALOMON SEIDLER, Łódź, Piłsudskiego 32
tel. 221-58 i 132-30

# Tylko powszechna subskrypcja Pożyczki Inwestycyjnej pozwoli nam przebudować Polskę

כשר לפסח

די בעוואוסטע יודישע
## שאקאלאד-פאבריק

מאכט בעקאנט איהרע ג' קונדשאפט, אז צום בעפארשטעהענדן פסח איז זי פערזעהען מיט א רייכע אויסוואהל פון פערשיד.

## „ZŁOTY RAJ"

אינהאבער: ש. האלפערין.

שאקאלאד' קארמעלעך כשר לפסח

אפילו למהדרין מן המהדרין

פערקויף-שטעלען:
פילסודסקיעגא 50
זאוואדזקא 11
שרודמיעסקא 7

בעמערקונג: דאס צלעט ווערט אויסגעארבייט בהכשר גמור אונטער די השגחה פון אנשים כשרים ונאמנים.

כשר לפסח

הורט און דעטייל

---

## ארץ-ישראל-וויין און אונגאר-וויין

### זעהר ביליג!!! — כשר לחג הפסח!

צו בעקומען נאר אין דער בעקאנטער פירמע

## „ZŁOTE GRONO"

אינה. גוטער און לעווינסאן

## נאוואמיעסקא 19, טעל. 215-83 167-83

וועלכע אימפארטירט זעלבסט דירעקט פון אייגענער אויסארבייטונג פון ארץ-ישראל און אונגארן. ס'איז אויך צו בעקומען פערשידענע גוטע

## וויינען און מעהד

פון אייגענער אויסארבייטונג צו זעהר ביליגע פרייזען.

צוליב דער בעקוועמליכקייט פון דער ג' קונדשאפט מאכען מיר בעקאנט די געשעפטען, וואו מען בעקומט אונזערע ארץ-ישראל און אונגאר-ווייגען צו דיזעלבע פרייזען ביי:

### ו' משה ליפסקער, צעגעלניאנא 5

—— און ביי: ——

| | |
|---|---|
| I. Belchatowski Narutowicza 31 | M. Szajbe Pomorska 41a |
| M. Landau, Zgierska 64 | M. Rotholc, Pl. Rejmonta 2 |
| H. Grundman, Zgierska 10 | A. Fajgenbaum, Cegielniana 35 |
| Herc, Kilińskiego 46 | Sz. Sztrosman, Główna 63 |
| Działowski, Kilińskiego 33 | Ch. Blankiet, Główna 69 |

---

## כשר לפסח!

איך מאך בעקאנט דער געעהרטער קונדשאפט, אז אויף דעם קומענדיגען פסח זענען מיינע געשעפטען פערזעהען מיט די געשמאקסטע אויסארבייטונגען פון

## געריכערטע פליישעז

עקספארט-ווארשטעז און גענזעז-שמאלץ

### אלעס כשר לחג הפסח אפילו למהדרין

| | | |
|---|---|---|
| צענטראלע: | זאוואדזקא 9, | טעל. 148-09 |
| פיליאס: | נאוואמיעסקא 24, | טעל. 149-42 |
| | פיעטריקאווער 45, | טעל. 210-41 |
| | פילסודסקיעגא 50, | טעל. 207-65 |

מיינע געשעפטען געפינען זיך:

## ד. דיאמענט.

מיר נעמען אן אלערליי בעשטעלונגען נאך אויסלאנד אהן ספעציעלע קאסטען פון ½ קילא.

---

## „כרמל"

פון באראן ראטשילד'ס קעלערען



בנים, רביים און גוטע יודען זאגען: אז צו ארבע כוסות און קידוש איז דאס בעסטע און כשר'סטע נאר „כרמל"

עגשען — יודעים זאגען, אז שוין פון דורות איז צו „כרמל" קיין גלייכען אין טעם נישט פאראן

...גם זשע אכט מ'זאל אייך אין טעות נישט אריינפיהרען און פאדערט „כרמל"ס קאניאקען און וויינען נאר מיט די שוץ-צייכענס





---

## אויף ארבע כוסות

טרינקט און פאדערט איבעראל דעם **וויין**

פון דער בעוואוסטער פירמע

## A. LIBERMAN, WARSZAWA

„ALWIN" Franciszkanska 19

היט אייך פאר פאלסיפיקאטען.

ווי אויך **ארץ-ישראל קאניאק**

הורט ■ „כרמל-אריגינאל" ■ דעטייל

---

## JAN HANEMAN

**Łódź, Narutwicza 38,** tel.26640

egzam. księgowy bilansista biegły rew, **zakłada, prowadzi, dozoruje** i **sprawdza** księgowość; **przeprowadza ekspertyzy buchalteryjne** i **analizy bilansów; organizuje planową pracę w zakresie księgowości i biurowości; opracowuje budżety, sprawozdania zamknięcia rachunkowe.**

**Udziela porady buchalteryjne**

---

Dr. med.

## Marja Gutman

קינדער-קראנקהייטען

**Gdańska 26, tel. 173-00.**

ord. codz. 3.30 — 5.30.

---

### ווישניאווא-גורא

### „ZDROWIE" פענסיאנאט

פון פרוי ראפאפארט

נעהמט אן בעשטעלונגען אויף יום-טוב.

טעלעפאן: ווישניאווא-גורא 7.

---

## ענטשולדיגונג.

איך בעט ענטשולדיגונג ביי דער פערוואלטונג פון פראפעסיאנעלען פעראיין פון פליישער-ארבייטער אין לאדז, בערק יאסעלעוויטשא 16 און ביים פעראיינס-קאסירער חבר הערשל קורעק פאר מיינע נישט פאסיגע אויסדרוקען אין שעכט-הויז אוים'ן אדרעס פון דער קאמוגע און פון דער פערוואלטונג.

איך פערזיכער, אז אזעלכעס וועט זיך מעהר נישט איבערחזרן.

יהושע ליסטאווסקי.

---

Dr. med. **M. Maślanka**

נערווען און פסיכישע קראנקהייטען

האט זיך איבערגעצויגען

### אויף שענקעוויטשא 31

טעל. 147-72.

---

נאך קורצע און שווערע ליידען איז געשטארבען איינער פון אונזערע עלטסטע מיטגלידער און לאנג-יעהריגער ג' פערוואלטונגס-מיטגליד נ"ע

## יעקב מאשקאוויטש

די לויה קומט פאר היינט, פרייטאג, ד. 12 אפריל 2 א זייגער מיטאג פון טרויער-הויז, זאוואדזקא 22. אלע שניידער-מייסטערס אין לאדז ווערען געבעטען צו קומען צו דער לויה אבצוגעבען דעם פערשטארבענעם דעם לעצטען כבוד.

די פערוואלטונג פון שניידער-צעך, אין לאדז, פיעטריקאווער 20

---

נאך קורצע שווערע ליידען איז געשטארבען אונזער אונפערגעסליכער לאנגיעהריגער פאך-קאלעגע

נ"ע

## יעקב מאשקאוויטש

צו דער לויה, וועלכע קומט פאר היינט, פרייטאג, דעם 12 אפריל 1935, 2 א זייגער נאכמיטאג פון טרויער-הויז, זאוואדזקא 22 רופען מיר אלע אונזערע מיטגלידער פון פילסודסקיעגא 69 צו קומען אבגעבען דעם נפטר דעם לעצטען כבוד.

די פערוואלטונג פון דאמען-שניידער-סעקציע ביים האנדווערק.-פערבאנד, פילסודסקיעגא 69

---

**RABINAT**
**GMINY WYZN. ŻYDOWSKIEJ**
**w WARSZAWIE**
**Grzybowska Nr. 26/28.**

## ועד הרבנים
### לעדת ווארשא
גרזיבאווסקא 26/28

# הכשר

## „PLUTOS" „פלוטאס"

לראי' ביד הפירמא „פלוטאס" בית חרשת לעשיית מיני **שאקאלאדא** ושאר „**מיני מתיקה**" איך שכל התעשיי' נעשה בהשגחה מעולה במשגיח מיוחד קבוע שתהי' הכל ביתרון הכשר בלי שום חשש תערובות חימוץ כלל וכל הכלים נכשרו כדין **לכן יכולים כל אחבנ"י לסמוך על הפירמא הנ"ל ולאכול כל המיני שאקאלאדא, חאלווא, ושאר מתיקה** שתהי' עליהם עטיקעטא **כשר לפסח** בלי שום חשש ופקפוק כלל.

באעה"ח א' אדר ב' תרצ"ה פה ווארשא.

| מקום החותם | | מקום החותם |
|---|---|---|
| הרב יעקב זילבערשטיין פראגא-ווארשא חבר ועד הרבנים לעדת ווארשא | הרב שלמה דוד כהנא הרב יעקב זילבערשטיין | הרב שלמה דוד כהנא ווארשא, גענשא 17 |
| (—) יעקב זילבערשטיין. | | (—) שלמה דוד כהנא. |

שטרענג כשר — בעקאנטמכונג. — כשר לפסח

נאר די איינציגע ווארשטען־פאבריק אין לאדז

# פון די יודישע פעראייניגטע פליישער

כשר על חג הפסח אפילו למהדרין מן המהדרין — געריכערטע פליישען — מאכט בעקאנט, אז די פאבריק איז פערזעהען מיט א גרויסען אויסוואהל פון פערשידענע

אונזערע געשעפטען געפינען זיך:

**פאבריק און צענטראלע: קילינסקיעגא 60, טעל. 137-65.**

פיליעס: פיעטריקאווער 54 טעל. 137-66 | זגיערזשער 2 טעל. 149-82 | פיעטריקאווער 114 טעל. 260-32 | אנדזשעיא 28 רוג דלוגא | צעגעלניאנא 9

בעמערקונג: גלייכצייטיג מאכען מיר בעקאנט, אז מיר נעמען אן זעמטליכע בעשטעלונגען פון אונזערע גוט־בעקאנטע ווארשט־אויסארבייטונגען ווי אויך געבזען־שמאלץ כשר לפסח אויף עקספארט אין אלע איראפעאישע לענדער, ווי אויך פאר שטודירענדע יוגענד

שיקען מיר ארויס פאקעטען אלס מוסטער אהנע ווערט (Echantilion sans valeur)

בעשטעלונגען נעהמען אן די צענטראלע און אלע אונזערע פיליעס.

מיט אכטונג פעראייניגטע יודישע פליישער אין לאדז.

גלייכצייטיג מאכען מיר אויפמערקזאם אונזערע ג. קונדשאפט, אז אינזער גוט־בעקאנטער באר פיעטריקאווער 54, וועלכער האט זיך שוין קונה שם געווען מיט זיינע געשמאקהאפטע שפייזען, וועט אפען זיין חוה״מ פסח און מיר עמפפעהלען זיך דער ג. קונדשאפט.

כשר לחג הפסח — שטרענג כשר

---

דער בעסטער באק־פראשעק




„ליליפוט"
גאראנטירט גוטע געבעקס

---

בעקאנטמכונג.
די לאנגיעהריגע היגיענישע
מצה־בעקעריי
פון פאכודניאנא 38 און זאוואדזקא 12
איז איבערגעטראגען געווארן אויף
קאמיענגא 18
אויך אין געוועלב פילסודסקיעגא 72
עס ווערט אויסגעבאקען דינע
מצות פון מעהל A. 0000 לוקסוסאווע.
מיט אכטונג
פיגגערהוט.

---

# די מצות

פון דער מעכאנישער בעקעריי
ביי דער בעוואוסטער צוקערניע
ג. ווײַנבערג
38 פיעטריקאווער 38
טעל. 143-82
מאכט בעקאנט דער ג. קונדשאפט, אז די מצות ווערען אויסגעבאקען פון בעסטען ווייצען־מעהל, וואס איז אונטער דער השגחה פון הרב יצחק יהודה גליצענשטיין און צוליב די קאלאסאלע בעשטעלונגען ווערט געבעטען וואס פריהער צו קומען נאך מצות, כדי צו ארום צו קענען ליפערן וואונש צופרידענשטעלען.
פאנקורענץ פרייזען.
בעמערקונג: די מצות און מצה־מעהל זענען געפאקט און פערזעהען מיט מאנער פירמע ווי אויך שוין צו בעקומען
יום־טוב׳דיג מאקאראן

---

אכטונג, דאמען!
אין מיין ניי־ערעפענטען קליידער־אטעליער אויף בזשעזשינער 11 פראנט, 1. שטאק
בעקומט מען צו יעדערצייט פערש.
באלאווע־ און חופה־קליידער
קאנקורענץ־פרייזען! סאלידע בעהאנדלונג!
Wypożyczalnia sukień balowych i ślubnych
M. Józefowiczowa
Brzezińska 11,
front 1 piętro, m. 5.

---

# אויף פסח

עמפפעהלט ווי אויך אלעראַרט
ווײַן געטרענקע
אין דער בעסטער קוואליטעט
צו זעהר בילליגע פרייזען
די זייט 70 יאהר עקז.
וויינהאנדלונג פון
ע. שיקיער
אינה.: ישראל שיקיער
לאדז, פולנאצנא 1, טעל. 107-84.

---

יין כשר לפסח

ווער עס וויל ביים פסח־טיש האבען הנאה פון אמת׳ן גוטען ווײַן איז נאר דער בעוואוסטער ווייַן און מעהד פון דער פירמע

„פראגרעס"

וועלכע איז בעקאנט איבעראל מיט איהרע גוטע ווײַנען און מעהד
ווײַן און מעהד־פאבריק פירמע „פראגרעס"
אלטער מארק 2, טעל. 184-82
אינהאבער זלמן גושמער.
ספעציעלער ווײַן פאר צוקערליידענדע.
הורט־פערקויף: נור אין דער פאבריק אלטער מארק 2 אין הויף
איינצעל־פערקויף: „פראגרעס" אלטער מארק 1, טעל. 184-82.
אין ווײַנהאנדלונג פירמע
אין ווײַנהאנדלונג פון ווע־מאכער, גרינער מארק 6 טעל. 150-78.

---

שייטלען
מיט פאריזער טרינדן און פערטיגע שייטלען
ביי קערש.
סקווערא 15

---

# אזהרה

## צו דער יודישער בעפעלקערונג אין לאדז.

מיר אונטערשריבענע פעראייניגטע שפירט־פאבריקאנטען אין לובלין מאכען דערמיט אויפמערקזאם, אזוי ווי עס האט זיך בעוויזען אין גאנץ די פסח׳דיגע געגנטען אין רונדע פלאשען מיט די עטיקעטען פון ש. אייכענבוים "Siedlisko", זענען חמץ גמור, ווייל דאס זענען פאלסיפיקאטען און נעגאסען חמץ׳דיגען בראנפען אין פלאשען מיט נאכגעמאכטע עטיקעטען פון דער פירמע ש. אייכענבוים, דאגעגען אונזער ריכטיגע פסח׳דיגע איז נעגאסען אין אריגינעלע 4־קאנטיגע פלאשען מיט דער הייליגער דאטע, דעריבער ווארנען מיר, אז ווער עס וויל נישט נכשל ווערען אין חמץ בפסח, זאל שענקען אויפמערקזאמקייט אויף די פלאשען, און נעמען די פערשפרייטער און שאדען־ברענגער פון אונזער פירמע וועלען מיר צו׳ן שטרענג געריכטליך.

די פעראייניגטע שפירט־פאבריקאנטען
„Pejsachspir"
„Kośminek" S. Zylber i S-wie
„Siedlisko" Sz. Ajchenbaum
„Jasz" Wilno Sp z o. o.
Spółka jawna w Lublinie.

---

דאס ערשטע יודישע
בלומען־געשעפט א. נ. „קאסינא"
אין פאסאזש קאסינא, לאדז פיעטריקאווער 67
עמפפעהלט טעגליך פרישע בלומען
פאכמענישע לייטונג. צו בילליגע פרייזען. פאכמענישע לייטונג.

---

# נוצליכע אדרעסען:

מבינים און זאכלעבער אנערקענען, אז די איינציג
אמת׳דיג גוטע משקה
## ווײַן און מעהד
איז נור פון דער פירמע
# „בארווין"
אינה.: מענדעל בארנשטיין
לאדז, נאוואמיעסקא 30, טעל. 210-58
וועלכע זענען צו בעקומען אין פאלגענדע געשעפטען:

1) י. בעלכאטאווסקי, נארוטאוויטשא 31
2) ח. בלאנקעט, גלובנא 69
3) באר „גאסטראנאמיא", פיעטריקאווער 45
4) ל. גאלדבערג, ציגעל־גאס 4
5) גאד, פאלודניאווא 9
6) הערץ, קילינסקיעגא 46
7) סאוויצקי, בזשעזשינער 12
8) סלעפאן, לאגיעווניצקא 2
9) ערלעפוויטש, 11 ליסטאפאד 38
10) עדליך, שרודמיעסקא 19
11) פראשקער, וואלבארסקא 27
12) פארזשענטשעווסקי, פראנציסקאנער 52
13) פליקער, זגערזשער 39
14) ש. קארא, פיעטריקאווער 23
15) ש. גאלדבערג, 11 ליסטאפאד 6
16) ש. ראש, בזשעזשינער 29
17) ח. גאלדשטיין, זשידאווסקא 8
18) ט. סוכאוואלסקי, וואלבארסקא 37
19) מ. ניימאן־פינטשעווסקי, פולנאצנא 12
20) לובאכינסקי, אלטער מארק 1
21) קרעל, לאגעווניצקא 7
22) קרעל, זשיראווסקא 5
23) א. ע. קוטשינסקי, לוטאמירסקא 18
24) מ. ראטהאלץ, גייערס מארק 2
25) י. רייכמאן, בזשעזשינער 4
26) מ. גרינבוים, לעגיאנוב 1

---

# שפירט של פסח

ווי אויך אלע ליקערן, ווײַנען, כרמל־ווײַן און ווארשאווער ווײַנען ווי ליבערמאן און שולדעגרייז
אלע סארטען קאניאקען צו בעקומען
ביי בזשעזשינסקי, נארוטאוויטשא 31
טעלעפאן 190-08 אינהאבער בעלכאטאווסקי.

---

די איינציגע
מאשין־מצות־בעקעריי
וועלכע עקזיסטירט פון יאהר 1927
אונטער דער השגחה פון יאנאווער רב געפינט זיך
אויף קאשטשושקי 11
ביי די בעקער־מייסטער
מרדכי יעלין און שותפים טעל. 263-00
שוין דארט צו בעקומען
# מצות
בילליג! —::— הורט און דעטייל!
פיליע: מ. יעלין, פיעטריקאווער 24, טעל. 173 46.

# פיניעלע מזיק



גימ ליש'ין

יאטן, צ'ווייסט וואס כעל ענק פאציילן? אז די ווילקער זענע נוער קא יודן ניש.

כבין נאכטן גיוועין אין ווילקע, זעיט מע גור־ניש אז ס'איז עירוף פיסיך. מ'זאל דארט זעיען אין רויטן איינשיט הענגען אף א הויף. מ'זאל זעיען איין שעניק אף א באלקוען. מ'זאל דארט זעיען קא־ליכן איין שטיב — גורניש ! די ווילקער זענע נוער קא יודן ניש.

בא אינז אין שמולן געסל זעיט מען, אז סאיז עירוף פייסיך. די הייף זענען פיל מיט רויטען אנ־שיט. מ'שיטאעם שעניקעס, מ'קאליכט און מ'וואסט די וואבער גייען די שייטליך נא פאק, אף די הייף זענען אעסניצווינן שטריק, ס'הענגען העמדער, נאט־קים לאליכער, מ'קלאפט קישינים, ס'פליען פעידערן. מ'שארט אין מ'דאסט שטיקער פין די ווענט. וואַ־בער שעלטן זיך. מאנסלאט קלאפן אעם ספורים, אינ־זערע קליינע יאטן אבן א מעכוע. מ'קלעטערט ארים אף די פלעטער, מ'טאנצט ארים אפן בעטגיוואנט, מ'ברענט ס'שטרוי, אז ס'גייט א רויעך —מ'זעיט, אז ס'איז עירוף פייסיך, אין בא זיי בא די ווילקער, איז שא, שטיל, זיי זענען גיפיינערט. די ווילקער זע־נען גוער קא יודן ניש.

... ער צין נעמען, זענען זיי פיערשע, אז די קילע גיט געלד, זענען זיי די ערשטע נעמערס, אבי צי נע־מען געלט זענען די ווילקער שובראנע, די באליטער לאסט מען אפיליק ניש אראן אין דער קילע.

נאר ניש גיזארינט. ס'עט ביי אונז אין באליט פריער זאן פייסיך ווי בא זיי. מ'עט אכעט עסן מורער מיט כרויסעס, מ'עט ביי אונז אכעט דאמען, דער כיליק איז נאר וואס די ווילקער עלן פרעסן קנייד־ליך מיט יאעך, און אינץ עלען קייען גטאפל מיט צפיקל־באַרשט.

דערוואל אציך מיר א גיטן שאבים אגדול און זאציך מיר ניזינט.

## אט א דאס איז א וועקסעל!

### ערקל'ערונג פון א טאטע א סוחר

קינד (צום פאטער): טאטעשי, ערקלער מיר, וואס איז דאס אזוינס א וועקסעל?

פאטער (א סוחר) : דאס איז א שטיקעל פאפיר, פון פארענט ליגט איינער און הינטען — עטליכע. און די עטליכע ציטערן אלע פאר דעם איינעם, וואס ליגט פון פארענט.

## ווי אזוי מאכט מען א האגעל?

### שמועס צווישען פאבריקאנטען

ערשטער : איהר ווייסט, כ'האב מיך אמעקו־רירט נעגען פייער און נעגען האגעל.

צווייטער : מילא, פייער פערשטעה איך — א־בער ווי אזוי קאן מען מאכען א האגעל ? ..

# נאר דער מכביאר־ע

### פון גראף קאלי

אין תל אביב. די מכביארע
איז געווארען אויפגעלעזען,
כ'האב געוואלט פון דארט איך שרייבען,
נאר כ'בין ליידער נישט געוועזען....

כאטש איך בין א גרויסער דיכטער,
האב איך נישט געהאט קיין מעות,
צו דערגרייכען פאלעסטינע,
צו די הרים, צו די גבעות...

נאר איך ווייס, מען האט געבויקערט
און געבאקסט זיך, און געזונגען....
סיי ווי סיי... עס איז דער יום־טוב
זעהר וואונדערבאר געלונגען....

ס'האט פון ים געבלאזט א ווינטעל
זיס און צערטליך צו פערטראגען
און דער הימעל האט געפרעהט זיך
וואס די יודען קענען שלאגען...

יא, מיר לעבען דאך אין ציטען
פון ,,פראגרעס" אין אלע לענדער,
וואו מען שעצט א נאק־אוטעל
מעהר ווי גאנצע דיכטער־בענדער...

---

מען פאהרט, מען פאהרט, דער עולם פאהרט,
אלץ מעהר קיין פאלעסטינע.
פאר יודעלעך איז טאקע דארט
א גלענצענדע מדינה...

דער הימעל איז דארט שטענדיג בלוי
מען זעהט מלאכים שטייגען...
מיר האבען אלעס אייגענס דארט
א בורמיסטש און... אויך פייגען...

מען פאהרט אהין אלץ נאכאנאנד
ס'איז יעדער אנ'אמאטאר.
קאוואלסקי איז פאר אונזער ...
דער בעסטער אניטאטאר.. .

---

# רמב"ם האט איהם געשטערט!..

## אונטערגעהערט אין דער ליטעראַרישער קיביצארניע

מאטעלע פראנקענטאל זאגט אזוי:

— וואס זאגט איהר נישט צו מיין מזל ? מ'האט זיך די טעג געגרייט צו פייערען דעם 25 יעהריגען יובילייו פון מיין ליטעראַרישער ארבייט, איז מיד דער רמב"ם אריינגעפאהרען אין דערמיט...

---

# פון ווינד קען מען אויך לעבען

## אונטערגעהערט אין לאדזער שטאט=ראט

אין שטאט־ראט האלט א רעדע א סאציאליס־טישער ראטמאן. צווישען אנדערען זאגט ער :

די רעגירונג זארגט נישט וועגען ארבייט און ברויט פאר די מאסען — פון ווינד קאן מען דאך נישט לעבען!

— נישט אמת, האט איינער פון די ב.ב אויס־געשריגען — ס'זענען דא מענשען וואס לעבען פון ווינט.

— ווער ?

— איך אליין.

— וואס זענט איהר ?

— א מילנער — האט דער ראטמאן געענט־פערט.

---

# די ערד ציטערט!

## וואס יעדער זאגט

אין זאקאפאנע האט מען די פערגאנגענע וואך געפיהלט א לייכטע ערד־ציטערניש, ווי אזוי יעדער ערקלערט דאס:

די סאנאציע זאגט : דאס האט זיך די ערד גע־פרעהט מיט דער נייער קאנסטיטוציע.

די ענדעקעס זאגען : די ערד איז געווען אונ־טערן רושם פון קאוואלסקים נצחון אין לאדזער שטאט־ראט.

סאציאליסטען זאגען : די מאמע ערד האט גע־טאנצט צוליב דער מפלה פון די היטלעריסטען אין דאנציג.

לאדזער סוחרים זאגען : דער געוואנט האט גע־זעהען א סעקוועסטראטאר האט ער א ציטער־געטון.

---

# אזא געשעפט קאן נישט אויסהאלטען

## אזוי זאגט דער ווילקער פילאזאף

דער ווילקער פילאזאף זאגט, אז ער האלט נישט פון דער עלעקטראווניע.

— פארוואס ?

— נאר פשוט:

ער איז די היינטיגע וואך געווען אין דער עלעק־טראווניע צאהלען א רעכנונג פאר ליכט, דער רעכ־נונג האט בעטראפען 12 זלאטעס. געהאט האט ער נאר 10 זלאטעס זאגט ער צום קאסיר :

— פאניע קאסירער, איך ארבייט שוין מיט דער עלעקטראווניע אנ'ערך 10 יאהר, כ'בין חלילה נישט שולדיג קיין גראשען, כ'צאהל די גאנצע צייט קא־סע, מעגט איהר מיר קרעדיטירען 2 זלאטעס. איז עס דאך אבער א גויעשער קאפ, גיט ער מיר צוריק די 10 זלאטעס, און לאזט מיך אוועקגיין מיטן געלד איך בין טאקע אוועקגעגאנגען, האב איך נישט קיין ליכט און די עלעקטראווניע האט נישט דאס געלד.

— אזא געשעפט, זאגט דער ווילקער פילאזאף— קאן נישט אויסהאלטען !....

---

# דער קונדס

● הומאר
● סאטירע

● צוזאמענגעשטעלט פון אב—נעק

ביילאגע צום ,נייעם פאלקסבלאט" נומער 88 — פרייטאג, דעם 12 אפריל 1935

## אוועק פון דער שיסעל!...




שעפסעלע: חבר וואלף, דו האסט דיך שוין געבוג

אנגעפרעסען — אוועק פון דער שיסעל!...

